ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## בראשית

**(חלק טו — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בראשית, כ״כו תשרי, ה׳תשפ״ב (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בראשית

א. דאָס וואָס די תורה הויבט זיך אָן מיטן אות בי"ת — "בראשית ברא גו'", און ניט מיטן אות אל"ף, וואָס איז דער ערשטער אות פון א"ב — זיינען אויף דעם פאַראַן כמה ביאורים, ומהם:

א) אין ירושלמי[1] שטייט, אַז ווייל אל"ף איז לשון (ר"ת) ארירה און בי"ת איז לשון (ר"ת) ברכה, דעריבער הויבט זיך ניט אָן די תורה מיט אַן אל"ף, נאָר מיט אַ בי"ת.

ב) אין מדרש[2] זאָגט ער אַז די תמונה פון אות בי"ת, וואָס איז פאַרמאַכט פון דריי זייטן און איז אָפן פון דער פערטער (צפון) זייט[3], איז ענלעך צו דער וועלט, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן וואָס אירע דריי רוחות זיינען סתו־מות וגדורות און "רוח צפונית" איז גע־בליבן אָפן[4] [והטעם[5]: טאָמער וועט איי־נער קומען און זאָגן "הוא אלקה", וועט מען אים ענטפערן — אדרבה, ס'איז גע־בליבן רוח צפונית, וועלכע דאַרף האָבן אַ תיקון, זאָל ער זי מתקן ומשלים זיין];

ג) אין קבלה[6] ווערט אַרומגערעדט, אַז די תורה וואָס מיר לערנען דאָ אין עולם הזה, איז עס ווי די תורה איז שוין נמשך געוואָרן אין די עולמות בי"ע — פון אצילות [כידוע[6] דער פירוש פון "ועל תורתך — שלמדתנו"[7]: "ועל תורתך", דיין תורה, מיינט די תורה ווי זי איז אין אצילות; "שלמדתנו" — די תורה ווי זי איז אין עולם הבריאה]; און דעריבער[8] הויבט זיך אָן די תורה מיט אַ בי"ת, צו מרמז זיין, אַז די תורה וואָס מיר לערנען איז שוין די צווייטע[9] מדריגה (אין תורה); אל"ף, די ערשטע[9] מדריגה (אין תורה), איז (תורה שב)אצילות.

ב. לכאורה פאָדערט זיך הסברה אין יעדן פון די דריי אויבנדערמאָנטע טע־מים:

א) אין ערשטן תירוץ איז ניט מובן — ווי דער אבן עזרא[10] פרעגט: מען געפינט דאָך אַ סך ווערטער וואָס הויבן זיך אָן מיט אַ בי"ת און זיי האָבן אין זיך דעם תוכן פון היפך הברכה [ולאידך זיינען פאַראַן כמה וכמה ווערטער וואָס הויבן זיך אָן מיט אַ אל"ף וואָס זייער באַדייט איז טוב וברכה].

ב) אין צווייטן תירוץ: דאָס וואָס תורה האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן מיט אַן

1) חגיגה פ"ב ה"א (קרוב לסופה)*. ועד"ז הוא בתנחומא פרשתנו ה. ב"ר פ"א, י. תדבא"ר פל"א (קרוב לסופו). זהר ר"פ ויגש. ועוד. ונת' בלקו"ת ראה יט, ב. אוה"ת פרשתנו מד, ב. (כרך ג') תקסה, ב. אמור (כרך ג') ס"ע תתנז ואילך. ובכ"מ.

2) מדרש הנעלם לשה"ש (בזהר חדש). רבותינו בעה"ת (דעת זקנים והדר זקנים) וחזקוני ריש פרשתנו.

3) ראה ג"כ ירושלמי וב"ר שבהערה 1 (בנוגע לצורת אות בי"ת) — באופן אחר.

4) ב"ב כה, ריש ע"ב.

5) פדר"א פ"ג. וראה ג"כ רבותינו בעה"ת (הדר זקנים) וחזקוני שם.

*) בירושלמי שם (ועד"ז בב"ר וזהר) ד"בבי"ת נברא העולם". אבל בתדבא"ר שם מפורש: לכך התורה נאמרת בתחלה בבי"ת. וראה ל' התנחומא שם. ובלקו"ת שם: התורה מתחלת בבי"ת . . ועמ"ש מזה בזח"א ויגש.

6) ראה סה"מ ה'ש"ת ע' 68 בהערה.

7) נוסח ברכת המזון.

8) לקו"ת להאריז"ל ריש פרשתנו. וראה מדבר קדמות (להחיד"א) מע' תי"ו אות ט'.

9) "וגם א' תחלת תיבת אצילות וב' תחילת בריאה" — לקו"ת שם.

10) בהקדמתו לפירושו עה"ת. וכן הקשה בתדבא"ר שם. וראה מפרשי הירושלמי וב"ר שם. תפארת ישראל למהר"ל פל"ד.

אל״ף איז עס דאָך דערפאַר וואָס אַזוי מאָנט זיך לויטן סדר פון תורה — היות אל״ף איז דער ערשטער אות פון א״ב[11], איז דאָס גופא אַ באַווייז אַז ער איז אויך דער ערשטער במעלה כו׳[12] — הײנט וויבאַלד אַז מצד דעם סדר התורה האָט זי זיך געדאַרפט אָנהויבן מיט אַן אל״ף[13], איז דאָך שווער צו זאָגן, אַז תורה איז משנה איר סדר און זי הויבט זיך אָן מיט אַ בי״ת בכדי זי זאָל זיין „צוגעפּאַסט״ צו וועלט (וואָס איז בדוגמא צו אות בי״ת — סתומה מג׳ רוחות כו׳): די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך און צוליב תורה, כמרז״ל[14] „אסתכל בה באורייתא וברא עלמא״, „בראשית בשביל התורה שנק־ראת ראשית״[15], און ניט להיפך ח״ו[16]!

ג) אין דריטן תירוץ: מיר זאָגן[17] דאָך „ונתן לנו את תורתו״ — דער אויבער־שטער האָט אונז געגעבן זיין תורה; ד. ה. אַז די זעלבע תורה (און מיטן זעלבן סדר) ווי זי איז ביים אויבערשטן — תורתו, האָט ער אונז אָפּגעגעבן דאָ למטה[18]. ובמילא, איז פונקט ווי די תורה ביי אונז, אַזוי הויבט זיך אָן אויך די תורה שבא־צילות מיט בראשית ברא גו׳ — מיט אַ בי״ת [און ניט נאָר תורה שבאצילות, נאָר אויך העכער, וואו נאָר ס׳איז שייך אַ בחי׳ פון אותיות[19], הויבט זיך דאָרט אָן תורה מיט אַ בי״ת], בלייבט דאָך ווידער די קשיא: פאַרוואָס הויבט זיך אָן תורה שבאצילות [און נאָך העכער] מיט אַ בי״ת?

ג. נאָך אַ פלא אין דעם ענין: פון די אַלע אויבנדערמאָנטע ביאורים קומט אויס, אַז די תורה דאַרף זיך אָנהויבן דוקא מיט אַ בי״ת און ניט מיט אַן אל״ף — דערציילט אָבער די גמרא[20], אַז ווען די זקנים האָבן איבערגעזעצט די תורה פאַר תלמי המלך, „נתן הקב״ה בלב כאו״א״ אַז זיי אַלע האָבן מכוון געווען אין זייער תרגום אויפן זעלבן אופן, און האָבן איבערגעזעצט דעם פסוק „בראשית ברא אלקים גו׳״ פונקט ווי עס וואָלט געשטאַנען „אלקים ברא בראשית״.

וויבאַלד אַז מלמעלה האָט מען זיי אַריינגעגעבן די דיעה צו מתרגם זיין ווי עס וואָלט געשטאַנען „אלקים ברא ברא־שית״ — מיט אַן אל״ף צום אָנהויב — איז דערפון אַ הוכחה, אַז עס איז דאָ אַ גאָר שטאַרקע סברא, אַז די תורה זאָל זיך אָנהויבן מיט אַן אל״ף[21], און אַלע הסברות אויף אַנדערש — וואָלטן זיך ניט אָנגענומען ביי תלמי המלך און מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַ נס אַז נתן בלב כולם וכו׳.

ועוד — דאָס גופא איז דאָך אַ תמי׳ גדולה ביותר: עס זיינען דאָ בתורת אמת כו״כ טעמים אויף התחלת התורה ניט

11) כבתנחומא שם.

12) ראה זהר שם: דאל״ף איהי את רזא עלאה כו׳.

13) ובפרט ע״פ המבואר בד״ה להבין ענין תק״ש עפ״י כוונת הבעש״ט ז״ל (סדור רמד, ג ואילך) שאות אל״ף הוא הממוצע בין הבל הלב שהוא קול פשוט ושאר אותיות.

14) זח״ב קסא, א. וראה ב״ר בתחילתה.

15) אותיות דרע״ק ב׳. פרש״י ומדרש לקח טוב (פס״ז) ריש פרשתנו. ועוד.

16) להעיר מקו״א ד״ה דוד זמירות. ובכ״מ.

17) בברכת התורה.

18) להעיר מפתיחת הרמב״ן עה״ת: שקדמה לבריאת העולם . . כמו שבא לנו בקבלה שהיתה כתובה כו׳ משה כסופר המעתיק מספר קדמון כו׳.

19) להעיר מתו״א (מב, ב) ועוד, שאותיות התורה שרשן למעלה מעלה מבחי׳ התורה, בבחי׳ כתר.

20) מגילה ט, א.

21) להעיר גם מתדבא״ר שם: ומה נשתנה הבי״ת כו׳ אין ראוי לומר אלא אלקים ברא בראשית כו׳. וראה ישועות יעקב לתדבא״ר שם.

מיט אַן אל״ף און קיין איינער פון זיי קען ניט אָנגענומען ווערן בּאַ תלמי המלך?!

ד. דער ביאור אין דעם: אויפן פסוק[22] „על מה אבדה הארץ גו׳ על עזבם את תורתי״ זאָגן חז״ל[23]: (אַז וואָס מיינט „עזבם את תורתי״ —) „שלא ברכו בתורה תחלה״. איז מבאר דער ב״ח[24] (ומרומז אין רבינו יונה[25]) אַז כאָטש זיי האָבן געלערנט אַ סך תורה, האָט ביי זיי אָבער געפעלט די כוונה „להתעצם ולהתדבק בקדושת ורוחניות התורה ולהמשיך השכינה כו׳״; און דאָס איז דער פירוש פון „אבדה הארץ״ — „כלומר נחרבה ונשארה חומרי׳ מבלי עובר שם קדושת השכינה״.

ד. ה. אין תורה זיינען פאַראַן צוויי ענינים[26]: (א) דער לימוד התורה בהבנה והשגה; (ב) די דבקות והתאחדות מיטן נותן התורה[27], וואָס דאָס איז די קדושת התורה ועצמותה וואָס איז למעלה מן השכל;

און דער סדר אין דעם איז, אַז פריער, נאָך פאַרן לערנען תורה, דאַרף זיין די איבערגעגעבנקייט און דבקות צום עצם פון תורה שלמעלה מהשכל, ווי דער לשון הגמרא: ברכו בתורה תחלה, און דערנאָך דער לימוד התורה בהבנה והשגה[28].

און דאָס איז אויך דער ביאור בפשטות פאַרוואָס תורה הויבט זיך אָן מיט אַ בי״ת און ניט מיט אַן אל״ף: אל״ף באַצייכנט דעם וואָס קומט צום ערשטן, און בי״ת — צום צווייטן[29]: דאָס וואָס אַ איד לייענט און לערנט אין תורה איז דאָס שוין דער בי״ת פון תורה, דער צווייטער ענין וואָס איז דאָ אין תורה; די ערשטע זאַך — דער אל״ף פון תורה[30] — איז די „פאַרבונדנקייט״ אירע צום נותן התורה שלמעלה פון הבנה והשגה[31], העכער פון ציור אותיות, וואָס דאָס דאַרף זיין נאָך פאַר דעם „ב(ראשית)״ פון תורה, ווי אַ הכנה צו לימוד התורה.

[און דערפאַר הויבן זיך אָן אַלע דרגות אין תורה — אפילו תורה שבאצילות און נאָך העכער — מיט אַ בי״ת, ווייל אין יעדער מדרי׳ פון תורה זיינען פאַראַן די צוויי בחינות: א) די תורה ווי זי איז נתגלה געוואָרן לויט די כלים ואותיות פון דעם עולם. ב) דער נותן התורה שלמעלה מאותיות].

ה. ווי גערעדט שוין פיל מאָל[32], האָבן אַלע פירושים אויפן זעלבן וואָרט (אָדער ענין) אַ שייכות זל״ז. אַזוי קען מען אויך זאָגן בנדו״ד, אַז די דריי אויבנגעבראַכטע טעמים וביאורים (דלעיל ס״א) זיינען אַלע נובע פון איין כללות׳דיקער נקודה — פון דעם ביאור הפשוט הנ״ל (ס״ד), אַז דער אל״ף פון

22) ירמי׳ ט, יא־יב.

23) נדרים פא, א (ושם: שאין מברכין). ב״מ פה, ריש ע״ב.

24) או״ח סמ״ז.

25) הובא בר״ן נדרים שם. שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס מז.

26) ראה ג״כ תפארת ישראל (להמהר״ל) בהקדמה.

27) כלשון ברכת התורה: ונתן לנו את תורתו בא״י נותן התורה.

28) בלקו״ת ויקרא ביאור ולא תשבית פ״ב ואילך איתא, שע״י התקשרות ויחוד חכמה ושכל של הנשמה בחכמה שבתורה נעשה התכללות ויחוד עצמיות הנשמה שלמעלה מהשכל באוא״ס שלמעלה מבחי׳ ח״ע, ע״ש — אבל ראה שם (ה, רע״א) שזהו ע״י הקדמת ק״ש ותפלה למס״נ באחד, שאז כשעוסק בתורה כו׳ נעשה ג״כ יחוד והתכללות עצמיות הנפש כו׳, ע״ש.

29) ע״ד פירוש האריז״ל הנ״ל (סעיף א׳).

30) נוסף על שזהו סדר עבודת האדם.

31) להעיר דאל״ף אותיות פלא, ח״ס — נת׳ בסה״מ עת״ר ע׳ ד׳ ואילך. ובכ״מ.

32) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 782. ועוד.

תורה איז די דבקות והתעצמות מיט דער דרגא וואָס איז העכער פון השגה, און דער לימוד התורה בהבנה והשגה איז דער בי״ת פון תורה; און אָט די נקודה והסברה כללית דריקט זיך אויס אין דריי פרטיות׳דיקע ענינים אין תורה ופעולתה (וואָס זיי זיינען מרומז אין די דריי ביאו־רים הנ״ל):

(א) בנוגע צו תורה גופא — דער פירוש פון קבלה אַז אל״ף פון תורה איז תורה שבאצילות, און בי״ת — תורה שבבריאה;

(ב) די פעולה אין דעם אדם הלומד תורה — דורך דעם וואָס ער דערהערט אַז הבנה והשגה שבתורה איז בלויז דער בי״ת שבתורה, איז זיין לימוד אין אַן אופן פון (בי״ת — לשון) ברכה, און ניט, ח״ו, אין אַן אופן פון (אל״ף, וואָס דאַן איז עס לשון) ארירה.

(ג) די פעולה פון תורה אין דער בריאה — בשעת דער לימוד התורה איז כדבעי, אַז ס׳איז דאָ פריער דער אל״ף שבתורה, איז מען מתקן דעם רוח צפונית שאינה מסובבת (וואָס איז נרמז אין אות בי״ת).

ו. די הסברה אין דעם: דער פירוש פון „ברכו בתורה תחלה״ איז דאָך ניט אַז מ׳זאָל יוצא זיין מיט דער כוונה פון דבקות הנשמה באלקות, נאָר דאָס איז אויך אַ הקדמה וואָס דאַרף ברענגען צו לימוד התורה, כדיוק לשון חז״ל „ברכו בתורה תחלה״ [ד. ה. אַז נאָכן „ברכו בתורה״ מוז זיין דערנאָך דער לימוד התורה בהבנה והשגה] — און דערפר איז מובן, אַז דאָס דריקט זיך אויס: (א) אין דער תורה עצמה וואָס ער לערנט, (ב) אין דעם אדם הלומד, און (ג) אין דער פעולה פון תורה אין וועלט:

(א) בשעת מען לערנט תורה אָן דער איבערגעגעבנקייט צום נותן התורה, דאַן, איז די תורה וואָס מ׳לערנט בבחי׳ „נפרד״[33] ח״ו פון אלקות, ביז אַז עס קען דערפון אַרויסקומען אַ יניקה לחיצונים כו׳[34] — און דאָס איז נרמז אין דעם וואָס די ר״ת פון בראשית איז מורה על תורה שבבריאה, וואָס אין עולם הבריאה איז די התחלה פון דעם ענין הפירוד, וכמ״ש[35] „ומשם יפרד גו׳״.

משא״כ ווען לימוד התורה איז מיט דער הקדמה פון „ברכו בתורה תחלה״, דעמאָלט איז די (געלערנטע) תורה פאַר־איינציקט בתכלית מיטן נותן התורה, ע״ד ווי אצילות איז עולם האחדות, „אלקות בפשיטות ומציאות בהתחד־שות״[36].

(ב) חז״ל[37] זאָגן „זכה נעשית לו סם חיים לא זכה נעשית לו סם מיתה״ — און דאָס איז דער ענין פון בי״ת לשון ברכה (און אל״ף לשון ארירה): ווען דער לימוד התורה פונעם אדם איז אין אַן אופן פון „זכה״ — אין אַ ריינעם אופן, אַז פריער דערהערט ער די קדושת התורה[38] — דאָס איז ביי אים דער אל״ף פון תורה, איז דאַן דאָ דער בי״ת — ברכה, „נעשית לו סם חיים״; בשעת

33) להעיר מאוה״ת פרשתנו יא, א.

34) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז (פ״ד ס״ג) „שמוסיף כח בקליפות לפי שעה״, וביומא עב, ב: נעשית לו סם כו׳ [אף שזהו רק בנוגע לפעולתה על האדם – כדיוק לשון רז״ל „נעשית לו״ — מ״מ, היא נעשית סם כו׳. ועיין קונטרס עה״ח פי״ב]. וראה ד״ה ציון במשפט תשל״ה הערה 47 (סה״מ — מלוקט ח״א ע׳ קנה). לקו״ש ח״ד ע׳ 1351 בהערה.

35) בראשית ב, י. וראה ע״ח שמ״ג הקדמה להדרוש. ובכ״מ.

36) ראה ד״ה בסוכות תשבו תש״ו (פכ״ז). ועוד.

37) יומא שם. — ובעיקר קאי על פעולתה על האדם, כנ״ל הערה 34.

38) ד״ה יחיינו תש״א פ״ג. וראה קונטרס עה״ח פי״ד.

אָבער „לא זכה" — אַז די הבנה והשגה פון תורה איז ביי אים דער „אל"ף" פון תורה און עס פעלט די בחי' „זכה" וקדושת התורה (דער אמת'ער אל"ף שבתורה) — דאַן ווערט ר"ל, אל"ף לשון ארירה, „נעשית לו סם מיתה".

(ג) כדי אַז תורה זאָל אויפטאָן אין וועלט, מ'זאָל דערהערן אַז יש בעה"ב לבירה זו, איז עס ווען מ'דערהערט און מ'פילט אין דער תורה וואָס מ'לערנט דעם נותן התורה — און דאָס איז דער ענין פון צורת אות בי"ת וואָס איז בדומה צו דער וועלט וואָס סתומה מג' רוחותי' און רוח צפונית אינה מסובבת: בשעת הבנה והשגה פון תורה איז ביי אים דער בי"ת פון תורה — ווייל ביי אים דערהערט זיך אַז דער אל"ף פון תורה איז דער נותן התורה — דאַן איז דאָס מתקן און משלים אין וועלט דעם ענין וואָס רוח צפונית איז אינה מסובבת (וואָס איז נרמז אין אות בי"ת).

ז. עפ"י כהנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס די זקנים האָבן פאַר תלמי המלך איבערגעזעצט די תורה אין אַן אופן גלייך ווי די תורה הויבט זיך אָן מיט אַן אל"ף — ווייל כל הנ"ל, אַז לימוד בהבנה והשגה איז דער בי"ת פון תורה, איז שייך נאָר ביי אידן און ניט ביי אומות העולם:

דער דין[39] איז, אַז „עכו"ם שעוסק בתורה חייב מיתה", אַז אַן אינו יהודי טאָר ניט לערנען תורה לשם לימוד התורה עצמה; ער מעג נאָר לערנען תורה אויף וויפל ס'איז אים נוגע צו וויסן ווי אַזוי צו מקיים זיין די „שבע מצוות דידהו"[39].

39) סנהדרין נט, רע"א. רמב"ם הל' מלכים פ"י ה"ט.

ווי באַלד אַז דער לימוד התורה ביי אומות העולם איז בכדי לדעת את המעשה אשר יעשון, איז מובן, אַז זיי האָבן אַ שייכות נאָר צום ענין פון הבנה והשגה שבתורה, אָבער ניט צום עצם התורה שלמעלה מהשגה, וואָס קומט דורך ברכו בתורה תחלה וואָס איז שייך נאָר צו אידן [ווי ס'איז מוכח אינעם לשון פון ברכת התורה: **אשר** בחר בנו מכל העמים **ונתן** לנו **את** תורתו].

און דעריבער, בשעת די זקנים האָבן מתרגם געווען די תורה לתלמי המלך — ווען זיי האָבן איבערגעטייטשט די תורה אין אַן אופן ווי זי האָט אַ שייכות צו בני נח — איז אויסגעקומען ווי עס וואָלט געשטאַנען „אלקים ברא בראשית", אַז ס'הויבט זיך אָן מיט אַן אל"ף — ווייל ביי אומות העולם איז הבנה והשגה (ניט קיין צווייטע זאַך, נאָר) די ערשטע זאַך.

ח. פ' בראשית הויבט מען אָן צו לייענען שמחת תורה — איז אויך דער ענין פאַרבונדן מיט דעם וואָס איז מבואר לעיל:

שמחת תורה טאַנצט מען מיט דער תורה, וואָס דוקא דורך די ריקודים ברגלים נעמט מען דעם „עצם" פון תורה[40]; און ווי עס שטייט אין זהר[41] אַז „ונוהגין למעבד ישראל עמה חדוה ואתקריאת שמחת תורה ומעטרן לס"ת בכתר דילי'" — ד. ה. די שמחה פון שמחת תורה איז פאַרבונדן דערמיט וואָס „מעטרן לס"ת בכתר דילי'", וואָס כתר איז למעלה מהראש, ס'איז דער

40) ראה סד"ה להבין ענין שמח"ת תש"ה. ובכ"מ.

41) ח"ג רנו, ב. נת' בארוכה בלקו"ש חי"ט ע' 382 ואילך.

ענין פון המשכת א״ס בתורה, דער פאַרבונד פון תורה (און אידן) מיטן נותן התורה —

און דורכדעם, דורך דער הכנת השמחה וההמשכה, קען מען דערנאָך, אין טאָג פון שמחת תורה גופא, אָנהויבן מיט דער קריאה און לימוד פון בראשית — וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ בי״ת, אַז מען דערהערט אַז דער גאַנצער לימוד אין תורה איז דער צווייטער ענין פון תורה; די התחלה פון תורה — איז די איבערגעגעבנקייט צום נותן התורה.

(משיחות ש״פ בראשית תשכ״ה)